בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון כ"ז

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת כי תבא תשפ"ג

## שִׁעוּרִים אִין חִנּוּךְ

פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְלַמְּדִים אוּן מְחַנְּכִים דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם הַשֵּׁם, מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף הֵייבְּן מִיר אָן דֶעם זוּמֶער פְּרָאגְרַאם, וואוּ דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס וֶועלְן לֶערְנֶען אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי קוּמֶענְדִיגֶע אַכְט נַיין וָואכְן.

### הִלְכוֹת דִיסְצִיפְּלִין אִין זוּמֶער

מְלַמְּדִים פְּרֶעגְן אוֹיבּ זוּמֶער אִיז אַנְדֶערְשׁ דִי הֲלָכוֹת פוּן דִיסְצִיפְּלִין וִוי אַ גַאנְץ יָאר? - דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, עֶס אִיז קְלָאר אַז מֶען דַארְף וֵוייניגֶער פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער זוּמֶער וִוי ווִינְטֶער, אָבֶּער עֶס מוּז וַוייטֶער זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָרְדֶענוּנְג אוּן סֵדֶר.

דָאס מֵיינְט, אַ מְלַמֵּד דַארְף ווִיסְן אַז זוּמֶער זֶענֶען קִינְדֶער אַנְדֶערְשׁ פוּן ווִינְטֶער, זוּמֶער אִיז דֶער נַאטוּר מֶער צוּ טַאנְצְן, שְׁפְּרִינְגֶען אוּן לוֹיפְן. דָאס אִיז נִישְׁט נָאר מִיט קִינְדֶער, אֲפִילוּ דֶערְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אוֹיךְ אַזוֹי, ווִינְטֶער אִיז מֶען מֶער אַיינְגֶעצוֹיגְן, מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן נִישְׁט אַרוֹיס אַיינְקוֹיפְן, מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן נִישְׁט אַרוֹיס פַארְוֵויילְן, מֶענְטְשְׁן זִיצְן מֶער אִין שְׁטוּבּ, אוּן זוּמֶער גֵייט מֶען יָא אַרוֹיס. דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט קִינְדֶער, ווִינְטֶער קֶען מֶען מַאכְן מֶער אַ לֶענְגֶערֶע צַייט וָואס מֶען זִיצְט אוּן מֶען לֶערְנְט אִין אֵיין צוּ, אוּן זוּמֶער דַארְף מֶען מַאכְן אַ קוּרְצֶערֶע סֵדֶר הַיּוֹם וָואס מֶען זִיצְט אוּן לֶערְנְט אִין אֵיין צוּ, אוֹיךְ גֶעבְּט מֶען מֶער צַייט צוּ שְׁפִּילְן, מֶען טוּט מֶער אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן.

אָבֶּער דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן אָרְדֶענוּנְג מוּז וַוייטֶער זַיין, קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט זַיין קַיין חֲבֵרִים מִיטְ'ן מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין.

אַ מְלַמֵּד פוּן קִרְיַת יוֹאֵל פְּרֶעגְט מִיר: ווִיפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר וָואס אִיךְ קֶען גֵיין מִיט דִי קִינְדֶער שְׁפַּאצִירְן אוּן גֶעבְּן צַייט צוּ שְׁפִּילְן? זָאג אִיךְ אִים: מֶען קֶען נִישְׁט מְבַטֵּל תּוֹרָה זַיין, מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי קִינְדֶער שְׁפַּאצִירְן אוּן שְׁפִּילְן אִינְמִיטְן דִי צַייט וֶוען מֶען דַארְף לֶערְנֶען, אָבֶּער אִין דִי צַייטְן וָואס דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ סַיי ווִי, אַנְשְׁטָאט זֵיי זָאלְן זִיצְן אִין לָאנְטְשׁ רוּם, נֶעמְט מֶען זֵיי אַרוֹיס אוֹיף דִי פְרִישֶׁע לוּפְט אוּן מֶען שְׁפַּאצִירְט וְכוּ'.

אַז מֶען נִיצְט אוֹיס דִי גַאנְצֶע שְׁפַּאצִיר, טְרִיפּ, פָּאן, שְׁפִּיל, אַרַיין צוּ פְלֶעכְטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי קִינְדֶער אִיז עֶס אַ גוּטֶע זַאךְ, אַסַאךְ מָאל קֶען מֶען בִּשְׁעַת אַ שְׁפִּיל עֶנְדֶערְשׁ כַאפְּן אַ מֶענְטְשְׁנְ'ס מֹחַ ווִי בִּשְׁעַת מֶען זִיצְט בַּיי אַ שִׁיעוּר.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (סוֹטָה י:) ווִי אַזוֹי הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ מְגַלֶּה גֶעוֶוען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער? - עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט אַ יְשִׁיבָה, נָאר עֶר הָאט אַרַיין גֶערוּפְן גֶעסְט צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן אוּן צוּ טְרִינְקֶען,

### • הִלְכוֹת דֶּרֶךְ אֶרֶץ

וֶוען זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעגֶעסְן זֶענֶען זֵיי אִים גֶעקוּמֶען בַּאדַאנְקֶען, הָאט זֵיי אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעזָאגְט: "**מִיר דַאנְקְט אִיר? דִי עֶסְן אִיז נִישְׁט מַיינְס, דָאס בַּאלַאנְגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן**"; אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַלֶע מֶענְטְשְׁן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז בִּשְׁעַת מֶען עֶסְט אוּן מֶען פַארְבְּרֶענְגְט קֶען מֶען גְרִינְגֶערְהֵייט אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַ מֶענְטְשׁ. בִּשְׁעַת מֶען גֶעבְּט אַ שִׁיעוּר זֶענֶען דָא דִי עֶרְנְסְטֶע קִינְדֶער וָואס הֶערְן אוֹיס, אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע קִינְדֶער טְרַאכְטְן: 'עֶנְדִיג שׁוֹין דֶעם שִׁיעוּר, לָאז מִיר שׁוֹין אַהֵיים גֵיין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד דָא צוּ זַיין, אִיךְ קוּם אִין חֵדֶר נָאר וַוייל אִיךְ 'מוּז' גֵיין אִין חֵדֶר', אָבֶּער בִּשְׁעַת מֶען פַארְבְּרֶענְגְט זוּכְט קֵיינֶער נִישְׁט אַוֶועק צוּ לוֹיפְן, הֶערְט מֶען אוֹיס וָואס דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס רֶעדְן, קֶען מֶען אוּמְדִירֶעקְט אַרַיין לֵייגְן אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִין דִי קִינְדֶער.

אַ מֶעסֶעדְזְשׁ וָואס מֶען זָאגְט אִינְמִיטְן שְׁפִּילְן, אוּמְדִירֶעקְט, גֵייט אַרַיין שְׁטֶערְקֶער! אוּמְדִירֶעקְט קֶען מֶען אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער דִי זַאךְ פוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְן: "**שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער**". מֶען קֶען אַרַיין לֵייגְן אַסַאךְ גוּטֶע מִדּוֹת, אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט זִיךְ נִישְׁט, אוּן עֶס גָארְנִישְׁט אַז אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן דִי גֶעים, צוּלִיבּ דֶעם דַארְף אִיךְ נָאכְנִישְׁט

פַּיינְט הָאבְּן דֶעם צְוֵוייטְן, עֶס אִיז נָאר אַ גֶעים, אוּן אוֹיבּ מֶען זֶעט בִּשְׁעַת'ן שְׁפִּילְן אַ אִינְגֶל רוּפְט זִיךְ אָן: **"אִיךְ וִויל נִישְׁט דֶער אִינְגֶל זָאל זַיין אִין אוּנְזֶער טִיעֶם (גְרוּפֶּע)"**, **"אִיךְ וִויל נִישְׁט דֶער אִינְגֶל זָאל זַיין מַיין פַּארְטְנֶער (שׁוּתָּף)"**, קֶען מֶען אִים אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ הָאבְּן גוּטֶע מִדּוֹת אוּן שְׁפִּילְן מִיט יֶעדְן.

גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער; רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער מִיט חָכְמָה, פְרֵיילִיכְקֶייט אוּן קוּקְט גוּט אוֹיף יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער. אַז מֶען קוּקְט גוּט אוֹיף אַ קִינְד שְׁפִּירְט עֶס דֶער קִינְד אוּן עֶר וֵוייסְט עֶס, דָאס מַאכְט אַז דֶער קִינְד זָאל עֶפֶענֶען זַיינֶע אוֹיעֶרְן אוּן אָנְנֶעמֶען וָואס מֶען זָאגְט אִים. אָבֶּער אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט לִיבּ אַ קִינְד, אִיז סְתַּם אַ שָׁאד דִי צַייט, מֶען וֶועט גַאנְץ זוּמֶער נָאר זַיין פַארְנוּמֶען זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט דֶעם קִינְד.

קֵיינֶער וֵוייסְט אוֹיבּ דוּ הָאסְט לִיבּ אַ קִינְד אָדֶער נִישְׁט, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט.

אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן אַלֶע מְלַמְּדִים, "מֶען מוּז הַאלְטְן דִי צַייט", וִוי גֶעלוּנְגֶען אַ מְלַמֵּד זָאל זַיין, קֶען עֶר נִישְׁט גֶעבְּן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים דָאס וָואס אַ צַייטְלִיכֶער מְלַמֵּד גֶעבְּט - אֲפִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען!

צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז עֶס מַאכְט זִיךְ אַן אוֹיסְוַואל, מֶען הָאט צְוֵויי קַאנְדִידַאטְן אוֹיפְצוּנֶעמֶען פַאר מְלוּמְדוּת, אֵיינֶער אִיז אַ גֶעלוּנְגֶענֶער מְלַמֵּד, עֶר הָאט עֶרְפַארוּנְג, אָבֶּער עֶר קוּמְט אַלְץ אָן דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, וְוידֶער דֶער צְוֵוייטֶער אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען, עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט עֶרְפַארוּנְג, אָבֶּער אַ צַייט אִיז בַּיי אִים אַ צַייט, עֶר אִיז אַלְץ גְרֵייט אִין צַייט, זָאל מֶען עֶנְדֶערְשׁ אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם צְוֵוייטְן אַלְס מְלַמֵּד, וַוייל עֶר וֶועט מֶער קֶענֶען צוּגֶעבְּן פַאר דִי כִּתָּה וִוי דֶעם עֶרְשְׁטְן וָואס אִיז נִישְׁט אִין צַייט.

פְרֶעגְט זִיךְ נָאךְ וִוי אַזוֹי עֶס גֵייט אִין בִּיזְנֶעס, אַז מֶען הָאט אַן אַרְבֶּעטֶער וָואס אִיז זֵייעֶר גֶעלוּנְגֶען, עֶר קֶען זִיךְ מוֹרָא'דִיג גוּט אוֹיס, עֶר קֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶע זַאכְן, אָבֶּער עֶר קוּמְט שְׁפֶּעט, וֶועט מֶען אִים פַארְשִׁיקְן אוּן מֶען וֶועט אוֹיפְנֶעמֶען אַ צְוֵוייטְן, אֲפִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען, וַוייל דֶער צְוֵוייטֶער אִיז דָא אִין צַייט, מֶען זֶעט אַז עֶר אִיז דָא צוּ אַרְבֶּעטְן.

מֶען מוּז הַאלְטְן דִי צַייט, אוּן הַלְוַאי זָאל מֶען שׁוֹין קוּמֶען פַאר דִי צַייט; מֶען מוּז עֶס נֶעמֶען עֶרְנְסְט! אוֹיבּ מֶען הָאט אַן אוֹנֵס, מֶען הָאט אַן אַפּוֹינְטְמֶענְט, דַארְף מֶען מוֹדִיעַ זַיין צְוֵויי דְרֵיי טֶעג פַארְדֶעם פַאר דִי אָפִּיס אַז מֶען גֵייט נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען אִין צַייט, אַז מֶען זָאל עֶס קֶענֶען מְסַדֵּר זַיין פוּן פָארְאוֹיס.

אוֹיךְ דַארְף אַ מְלַמֵּד אַרַיין גֵיין אִין כִּתָּה נָאכְ'ן עֶסְן פְרִישְׁטָאג, אוֹיבּ מֶען קוּמְט גֶעגֶעסְן, אִיז מֶען אַ רוּאִיגֶער מֶענְטְשׁ.

נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מִיטוּנְג מִיט דִי מְלַמְּדִים, פְרֶעגְן דִי מְלַמְּדִים, אוֹיבּ מֶען זָאל גֶעבְּן פַאר פְרִישְׁטָאג בְּרוֹיט אָדֶער נָאר סִירִיעֶל מִיט מִילְךְ, וַוייל נַיין אַזֵייגֶער הַאלְטְן נָאךְ אַסַאךְ קִינְדֶער אִינְמִיטְן שְׁלָאפְן... זֵיי זֶענֶען קוֹים אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן מִיט אֵיין בֶּהָלָה הָאט מֶען זֵיי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיפְ'ן בָּאס צוּם חֵדֶר. עֶס אִיז אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען וַואשְׁט וֶועשׁ אוּן מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ נָאכְ'ן אָנְצִינְדְן דֶעם וַואשׁ מַאשִׁין אַז מֶען דַארְף נָאךְ אַרַיין לֵייגְן נָאךְ אַ הֶעמְד, עֶפְּנְט מֶען אוֹיף דֶעם מַאשִׁין אוּן דִי לֶעצְטֶע מִינוּט וַוארְפְט מֶען אַרַיין נָאךְ אַ הֶעמְד... אַזוֹי זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס דִי לֶעצְטֶע מִינוּט הָאט מֶען זֵיי גֶעגֶעבְּן אַ וַוארְף אַרוֹיף אוֹיפְ'ן בָּאס, זֵיי קֶענֶען נָאכְנִישְׁט עֶסְן גֶעהֶערִיג. אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין קֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין דִי לֶעצְטֶע מִינוּט אוּן לוֹיפְן מִיט דִי נְשָׁמָה צוּ דִי קִינְדֶער.

## שִׂמְחוֹת וִוינְקֶל

### • סימן טוב ומזל טוב •

מערכת "שיעורי חינוך" וואונטשט בשם אלע מחנכים איבער די וועלט א ווארעמע ברכת מזל טוב פאר

**מורינו הראש ישיבה שליט"א**

צום שידוך שליסן פון זיין חשובער זון

**הרב שמעון שליט"א**

עב"ג א טאכטער פון

**הרב אברהם משה שטראססער שליט"א**

מנהל מוסדות היכל הקודש

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א קשר של קיימא, א בנין עדי עד און דורות ישרים ומבורכים, זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת ביי זייערע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט.

און דער ראש ישיבה שליט"א זאל האבן כח ווייטער אונז צו לערנען דעם וועג ווי אזוי מיר זאלן זיין ערליכע אידן און קענען מחנך זיין אונזערע קינדער על דרך ישראל סבא, אמן.

מערכת שיעורי חינוך

## שִׂמְחוֹת וִוינְקֶל

### • סימן טוב ומזל טוב •

מערכת "שיעורי חינוך" וואונטשט בשם אלע מחנכים איבער די וועלט א ווארע-מע ברכת מזל טוב פאר ידידינו הנכבד

**הרב מרדכי אינדיג שליט"א**

מנהל תלמוד תורה היכל הקודש

צום שידוך שליסן פון זיין טאכטער למזל טוב

**מיט א חתן שלום אלי' פעלבערבוים נרו יאיר**

**זון פון מוה"ר שמואל יודא פעלבערבוים שליט"א**

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א קשר של קיימא, א בנין עדי עד און דורות ישרים ומבורכים, זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת ביי זייערע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט.

מערכת שיעורי חינוך

## וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען כַאפְּט אַ קִינְד בַּיי אַ גְנֵיבָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין קְלֵיין זֶעקְס יֶערִיג אִינְגֶל אִיז אֵיין טָאג אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן גֶעשֶׁעפְט אוּן אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אַז עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'עֶט אַ נַאשׁ פוּן גֶעשֶׁעפְט, אִיךְ הָאבּ אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'נֶען אוּן מֶען דַארְף בַּאצָאלְן, מִיר זֶענֶען צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אִין גֶעשֶׁעפְט, בַּאצָאלְט אוּן אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן דֶעם גֶעשֶׁעפְטְס מַאן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צוּגַאנְג צוּ אַזַא זַאךְ, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען אַ קִינְד עֶר זָאל נִישְׁט טוּן מֶער אַזֶעלְכֶע זַאכְן? דָאס קִינְד בַּאקוּמְט גֶענוּג אוּן נָאךְ אִינְדֶערְהֵיים, עֶס פֶעלְט אִים בָּרוּךְ הַשֵׁם גָארְנִישְׁט, מֵיינְט דָאס אַז מֶען דַארְף אִים גֶעבְן נָאךְ מֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ז סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער זִיךְ צוּ פִירְן בְּדַרְכֵי הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן: "בַּיי מִיר אִיז חָשׁוּב מְחַנֵךְ צוּ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי תִּיקוּן חֲצוֹת"; רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעוָואלְט גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער, פְלֶעגְט עֶר וַוארְטְן זֵיי זָאלְן אַהֵיים קוּמֶען פוּן חֵדֶר, וָואס דֶעמָאלְט פְלֶעגְט עֶר זֵיי מְחַנֵךְ זַיין צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט פוּן גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז בַּיי אִים פוּנְקְט אַזוֹי חָשׁוּב וִוי דִי עֲבוֹדָה פוּן זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת.

דוּ הָאסְט זֵייעֶר גוּט גֶעטוּן אַז דוּ בִּיסְט צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען מִיט דַיין קִינְד צוּם גֶעשֶׁעפְט אוּן אִים גֶעהֵייסְן אִיבֶּער בֶּעטְן דֶעם גֶעשֶׁעפְטְס מַאן, אַזוֹי הָאסְטוּ אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'נֶען; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער, מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, בִּיז עֶס גֵייט אַרַיין אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער.

וֶוען מֶען כַאפְּט אַ קִינְד גַנְבְ'נֶען דַארְף מֶען אִים מְחַנֵךְ זַיין עֶר זָאל וִויסְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'נֶען; וֶוען מֶען מוּסָר'ט דֶעם קִינְד טָאר מֶען אִים נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, נָאר מֶען דַארְף דָאס טוּן פְּרִיוַואט - טַאטֶע מַאמֶע מִיט'ן קִינְד. מֶען נֶעמְט אִים אַרַיין אִין אַ פְּרִיוַואטֶע צִימֶער אוּן דָארְט רֶעדְט מֶען מִיט אִים, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען מוּסָר'ט אִים בְּרַבִּים צְוִוישְׁן דִי גֶעשְׁוִוסְטֶער קֶען עֶר וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט, דֶעמָאלְט טוּט מֶען גָארְנִישְׁט אוֹיף וְכוּ', מֶען מַאכְט נָאר מֶער קַאלְיֶע.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן פַארְגִיסְן טַייכְן טְרֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; הֶער אַ וָוארְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מֶען הָאט אִים אַמָאל גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדֶע נַאכְט בְּשָׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער"; דָאס אִיז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער עַל דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ה' - מכתב שסב)

## זָאל אִיךְ גֵיין צוּ קוּרְסֶעס פוּן שָׁלוֹם בֵּית אוּן חִינוּךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין עֶטְלִיכֶע יָאר וָואס אִיךְ לֶערְן בַּיי אַ חָשׁוּבֶ'ע פְּרוּי שִׁיעוּרִים וֶועגְן חִינוּךְ יְלָדִים, שָׁלוֹם בֵּית אוּן נָאךְ כָּל מִינֵי זַאכְן וֶועלְכֶע קֶענֶען אַרוֹיס הֶעלְפְן צוּם לֶעבְן, דִי זַאכְן הָאבְן מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ צוּגֶעגֶעבְן. אַלֶעס לוֹיט דִי תּוֹרָה, אָן קַיין שׁוּם מְקוֹרוֹת פוּן פְרֵייעֶ/גוֹיִים וְכוּ'.

פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען וֵוייניגֶער, בִּיז אִיךְ הָאבּ אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גֵיין.

יֶעצְט נָאךְ סוּכּוֹת הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ קוּרְס פַאר אַזֶעלְכֶע וָואס ווִילְן אַלֵיינְס אִיבֶּערְגֶעבְּן שִׁיעוּרִים, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען מְקוֹרוֹת אוּן נָאךְ זַאכְן וִוי אַזוֹי צוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן אוֹפֶן.

מִיט דִי צַייט, וָואס מֶער אִיךְ הֶער אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ בַּיי מִיר גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ גֵיי נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אָנְגֶענוּמֶען פוּן אַייךְ אַז מִיט תְּפִילָה, אֱמוּנָה אוּן תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת קֶען מֶען צוּ אַלֶעס צוּקוּמֶען, מֶען דַארְף נִישְׁט גֵיין לֶערְנֶען אוּן אוֹיסְגֶעבְן אַזוֹיפִיל גֶעלְט אוֹיף דֶעם.

אִיךְ בִּין אָבֶּער נִישְׁט זִיכֶער אַז אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט, אֶפְשֶׁר דַארְף אִיךְ יָא גֵיין לֶערְנֶען? אֶפְשֶׁר וֶועט עֶס מִיר יָא צוּגֶעבְן צוּ מַיין לֶעבְן? וִוי אוֹיךְ צוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע?

אַזוֹי וִוי דִי גַאנְצֶע שִׁינוּי אִין מַיין מַחֲשָׁבָה אִיז גֶעוָוארְן אִין זְכוּת פוּן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, בֶּעט אִיךְ אַייךְ, אֶפְשֶׁר וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט אַ רִיכְטִיגֶע עֵצָה/וֶועג אִין דֶעם עִנְיָן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל גֵיין לֶערְנֶען בַּיי אֵיינֶעם תּוֹרָה אָדֶער הַדְרָכָה אִין לֶעבְן וְכוּ', דַארְף עֶר קוּקְן צִי דֶער רֶבִּי/מְלַמֵד אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, צִי עֶר גֵייט מִיטְ'ן שֻׁלְחָן עָרוּךְ; וִוי נָאר אֵיינֶער טְרֶעט אָפּ פוּנֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ דַארְף מֶען גְלַייךְ אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט, בִּפְרָט וֶוען אֵיינֶער קוּמְט נָאךְ מִיט קַבָּלָה פְּשֶׁעטְלֶעךְ וָואס מִיט דֶעם קֶען מֶען זֵייעֶר גְרִינְג פַארְנַארְן מֶענְטְשְׁן וְכוּ'.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דֶעם סִיפּוּר אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט זַיינֶע חִידוּשִׁים וָואס עֶר הָאט מְחַדֵשׁ גֶעוֶוען אוֹיף אַ תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיר קֶענְט קְנֵייטְשְׁן מַיין סֵפֶר וִוי אַזוֹי אִיר ווִילְט (דָאס מֵיינְט אִיר קֶענְט זָאגְן אַלֶע פְּשָׁטִים אוֹיף מַיינֶע תּוֹרוֹת) בִּתְנַאי אַז אִיר זָאלְט נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְחַדֵשׁ חִידוּשִׁים בַּתּוֹרָה אָדֶער עֶר לֶערְנְט פָאר הַדְרָכוֹת פַאר אִינְגֶעלַייט אִין שָׁלוֹם בֵּית אָדֶער אִין חִינוּךְ, דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְפִירְט אוּן אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה - פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְן אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

דֶערְפַאר, אַז עֶס צִיט אַייךְ צוּ הֶערְן שִׁיעוּרִים אוּן אִיר שְׁרַייבְּט אַז זִי אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, דַארְפְט אִיר זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן גֵיין הֶערְן אִירֶע שִׁיעוּרִים; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, א): "אֵיזֶהוּ חָכָם הַלּוֹמֵד מִכָּל אָדָם", וֶוער אִיז אַ חָכָם? דֶער וָואס לֶערְנְט פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם גוּטֶע זַאכְן. אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִילִים קיט, צט): "מִכָּל מְלַמְּדַי הִשְׂכַּלְתִּי".

וִויסְן זָאלְט אִיר, וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע זֶעט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָדֶער אַן עֶרְלִיכֶע אִידֶענֶע, וָואס עֶר אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ זֵיי אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, קוּמְט עֶר צוּם עֶרְלִיכְן אִיד מִיט אַ צְוֵוייטֶע וֶועג - עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים כָּל מִינֵי בִּלְבּוּלִים אוּן סְפֵיקוֹת וְכוּ', אַזוֹי צֶעמִישְׁט עֶר אִים אִינְגַאנְצְן. 'עֲמָלֵק' בַּאטְרֶעפְט פוּנְקְט וִוי 'סָפֵק'. דָאס אִיז זַיין גַאנְצֶע קוּנְץ, צוּ נֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ וָואס פִירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל, אִים צוּ צֶעמִישְׁן, עֶר זָאל זִיךְ אוֹיפְעֶסְן דָאס גֶעזוּנְט אוּן טְרַאכְטְן אַ גַאנְצְן טָאג: 'טוּ אִיךְ גוּט? 'טוּ אִיךְ רִיכְטִיג?'

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן נִישְׁט לֶעבְן מִיט סְפֵיקוֹת וּבִלְבּוּלִים; דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן (דִּבְרֵי הַיָמִים-א כט, י): "וַיְבָרֶךְ דָּוִיד אֶת ה'" אִיז "וַדַאי"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּיי זִיךְ זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, עֶר אִיז זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים אוֹיס, דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן

# המשך בְּרִיוֹן פוּן חִינוּךְ



דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אוֹיךְ פַּארְקֶערְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר זוֹכֶה אַז עֶר וֶוערְט זִיכֶער בַּיי זִיךְ אַז עֶר טוּט גוּט אוּן אַז עֶר קֶען אַלֶעס פַּארְרֶעכְטְן.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דֶער עֶרְשְׁטֶער תִּיקּוּן אִיז - נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן", וַוייל דָאס אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוּן זִיךְ אוֹיפְּעֶסְן צִי מֶען הָאט גוּט גֶעטוּן אָדֶער נִישְׁט, דָאס צֶעקְלַאפְּט דֶעם מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְק.

דֶערְפַאר אַז אִיר שְׁרַייבְּט מִיר אַז עֶס וֶועט אַייךְ צוּגֶעבְּן אִין לֶעבְּן אַסַאךְ חִיזּוּק, אוּן וַוייזְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, דַארְפְט אִיר זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין וְכוּ'; אוֹיבּ אִיר שְׁפִּירְט אַז אִיר וֶועט קוֹנֶה זַיין פוּן דִי שִׁיעוּרִים וָואס דִי פְּרוֹי לֶערְנְט וְכוּ', זָאלְט אִיר גֵיין אוּן הַנָאָה הָאבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק בֶּענְטְשְׁן מִיט נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער, וִיהִי רָצוֹן שֶׁתִּשְׁרֶה שְׁכִינָה בְּמַעֲשֵׂה יְדֵיכֶם.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ב, מכתב קיג)

## זָאל אִיךְ מִיטְנֶעמֶען מַיינֶע קִינְדֶער אוֹיף אוּמַאן טְרָאץ דִי נִסְיוֹנוֹת פוּן שְׁמִירַת עֵינַיִם אוֹיפְן וֶועג?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט וִויל אִיךְ אַייךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף אַייעֶרֶע הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַ רִיזִיגֶע טוּישׁ אִין מַיין לֶעבְּן, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יְשַׁלֵּם שְׂכָרְכֶם בְּכִפְלֵי כִּפְלַיִם.

אִיךְ פָאר שׁוֹין אַסַאךְ יָארְן אוֹיף אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט מִיטְגֶענוּמֶען מַיינֶע קִינְדֶער. אִיךְ הֶער אָבֶּער בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז עֶס אִיז יָא וִויכְטִיג מִיטְצוּנֶעמֶען דִי קִינְדֶער אַהִין. מַיין שְׁאֵלָה אִיז, אַזוֹי וִוי מַיין שְׁטוּבּ וֶוערְט גֶעפִירְט אוֹיף אַ פְרוּמֶען אוֹפֶן, הֵן בְּנוֹגֵעַ זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן אַלֶע סָארְט מָאדֶערְנְקֵייטְן וָואס כַּאפְּט זִיךְ אַרַיין, סְמַארְטְפָאוֹן אוּן וִוידִיאוֹ אִיז טְרֵיף פָּסוּל בַּיי מִיר אוּן שְׁטוּבּ, אוֹיךְ אִין דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וואוּ אִיךְ דַאוֶוען, אוּן אִין דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה וואוּ אִיךְ שִׁיק מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען רֻבָּם כְּכוּלָּם פוּן אַזֶעלְכֶע שְׁטוּבֶּער.

יֶעצְט וֶוען אִיךְ נֶעם מִיט מַיין זוּן פוּן עֶלְף יָאר קַיין אוּמַאן, אִיז תֵּיכֶּף בַּיים אָנְקוּמֶען צוּם עֶירְפָּארְט וֶועט עֶר זֶען אַז מֶער פוּן רוֹב פוּן דִי אִידְן וָואס וַוארְטְן אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיפְן פְלִיגֶער הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן אִין הַאנְט, אוּן בְּשַׁעַתְ'ן זִיצְן אוֹיפְן פְלִיגֶער וֶועט עֶר זֶען וִוי אִידְן קוּקְן וִוידִיאָס, אוּן בִּכְלַל דִי הַנְהָגָה אוּן דִי דִיבּוּרִים אוֹיפְן פְלִיגֶער פוּן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן קֶען זַיין מִיט לַייכְטְזִינִיגְקֵייט, אִיז וִוי אַזוֹי וֶועט עֶר אוֹיפְנֶעמֶען אַזַא זַאךְ, אַז יֶעצְט בְּשַׁעַתְ'ן טוּן דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אִיז שַׁיָּיךְ, צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - זֶעט עֶר גָאר אַז אַזוֹיפִיל אִידְן וָואס פָארְן אוֹיךְ קַיין אוּמַאן, טוּעֶן אַזֶעלְכֶע סָארְט זַאכְן וָואס עֶר זֶעט נִישְׁט זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן?

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז מֶען דַארְף דַן זַיין דִי אִידְן לְכַף זְכוּת, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז אַ דָאקְטֶער וָואס הֵיילְט אוֹיס סֵיי מִיךְ אוּן סֵיי זֵיי, אָבֶּער אַ קִינְד וָואס דַארְף בִּכְלַל חִיזּוּק אַוֶועקְצוּשְׁטֵיין פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נִסְיוֹנוֹת הַדּוֹר, קֶען פוּן דֶעם קוּמֶען צוּ אַ מַסְקָנָא אַז מֶען קֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד צוּזַאמֶען מִיט דִי אַלֶע טְרֵיפָה'נֶע זַאכְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְ'ן אַוֶועק גֶעבְּן פוּן אַייעֶר טֵייעֶרֶע צַייט

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט מְחַנֵּךְ דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן שְׁלֶעכְטְס; אַז מֶען אִיז מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער מִיט לִיבְּשַׁאפְט וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כט, יז): "יַסֵּר בִּנְךָ וִינִיחֶךָ, וְיִתֵּן מַעֲדַנִּים לְנַפְשֶׁךָ", אַז מֶען אִיז מְחַנֵּךְ קִינְדֶער אוֹיפְ'ן גוּטְן וֶועג וֶועלְן זֵיי נָאר בְּרֶענְגֶען נַחַת.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין אַז זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי דַארְפְן זָאלְן זֵיי אִים בֶּעטְן; קִינְדֶער הָאבְּן אַ רֵיינְקֵייט אִין זִיךְ, בַּיי זֵיי אִיז דִי אֱמוּנָה קְלָאר אוּן לוֹיטֶער, דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה; דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט וֶוען מֶען בֶּעט אִים, וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ בְּרֶענְגֶען דַיינֶע קִינְדֶער קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; עֶס אִיז בַּאוְוּיסְט דִי מַעֲשֶׂה אַז וֶוען רֶבִּי יוּדְל פוּן דַאשׁוּבּ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - אֵיינֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן - אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן, הָאט זַיין זוּן אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט מִיט קוּמֶען, אָבֶּער רֶבִּי יוּדְל הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶס וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער פַארְ'ן קִינְד דִי שְׁוֶוערֶע וֶועג וְכוּ', אוֹיךְ הָאט אִים גֶעפֶעלְט גֶעלְט אוֹיף שְׁפֶּעזְן. לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אַלֵיינְס אָן זַיין זוּן; וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן שָׁלוֹם גֶעבְּן הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ בִּין אַ וואוּנְדֶער; דֶער טַאטֶע קוּמְט צוּ מִיר - גְלֵייבְּט עֶר דָאךְ אִין מִיר, אוּן דֶער זוּן גְלֵייבְּט אוֹיךְ אִין מִיר, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הַאלְט דֶער טַאטֶע אָפּ דֶעם זוּן פוּן קוּמֶען צוּ מִיר"; עֶס הָאט גֶעבַּאדֶערְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט נִישְׁט מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט זַיין זוּן וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים מִיט דִי קִינְדֶער.

אַזוֹי פִירְן זִיךְ אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; מִיר פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט אַלֶע קִינְדֶער פוּן פַאר זֵיי וֶוערְן זִיבְּן יָאר. מִיר קוּקְן נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן מִיר בְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן אִין יֶעדֶע תְּקוּפָה קוּמֶען אַפִּיר אַנְדֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען דִי נִסָּיוֹן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עֶסְן גֶעהֶערִיג, אָדֶער דִי בֶּעט אִיז נִישְׁט גֶעהֶערִיג, הָאבְּן מִיר דָאס צֶעבְּרָאכְן אוּן גֶעקוּמֶען אֲפִילוּ אָן עֶסְן אוּן אָן שְׁלָאפְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תד): "יָא עֶסְן - נִישְׁט עֶסְן, יָא שְׁלָאפְן - נִישְׁט שְׁלָאפְן, יָא דַאוֶוענֶען - נִישְׁט דַאוֶוענֶען, דֶער עִיקָר אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה"; אוּן אַזוֹי קוּמֶען כְּסֵדֶר אָן פְרִישֶׁע נִסְיוֹנוֹת, אָבֶּער מִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַז דוּ וִוילְסְט גֶעבְּן אַ גוּטֶע חִינוּךְ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ זֵיי מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר אוּן זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין אוּנְטֶערְוֶועגְנְס זֵיי זָאלְן הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ו', מכתב תקיז)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876